# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פר' תזר"מ
שנה ב'




כל הזכויות שמורות

# רויטע עפל אדער רויטע בלוט

## חלק א' - די מתנה פון לעבן

### דער איזאלירטער מענטש

**מיר** הייבן אן די פרשה מיט די טהרת המצורע, דער אויסלייטערונג פראצעדור פאר דער וואס זיין נגע איז גע'פסק'נט געווארן דורך דעם כהן אלס טמא. דאס איז געווען א טרויעריגע און אומגליקליכע תקופה אין זיין לעבן. מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ - ער האט געדארפט זיצן אינדרויסן פון שטאט (יג:מו). ער האט זיך נישט געטארט געפינען אין די ערי חומה, צווישן די וואוינונגען פון די אידן. אפילו אויב זיין משפחה האט שוין געוואוינט דורות לאנג אין א הויז אין דעם שטאט, האט ער זיך געדארפט געזעגענען פון זיי. עס איז געווען א הארצרייסנדע סצענע צו זען ווי דער מענטש מאכט זיין וועג ארויס דורך די שטאט טויערן צו פארלאזטע פעלדער. דארט האט ער געדארפט בלייבן, אליין און איזאלירט, פאר וואכן לאנג און אפשר אפילו חדשים.

און דאן פלוצלינג, נאך וואס עס איז פארביי א שטיק צייט, פאסירט די אומערווארטעטע. די ווייסקייט פון זיין הויט הייבט אן צו נאכלאזן; די צרעת ווערט וויניגער און העלער. "קען עס זיין?" האפט ער, "עס גייט שוין טאקע אוועק?" און דאן שיקט ער א שליחות צום כהן אים בעטן ער זאל ארויסקומען צו געבן א קוק אויף זיין צרעת. וְיָצָא הַכֹּהֵן אֶל מִחוּץ לַמַּחֲנֶה - און דער כהן גייט ארויס דארט וואו דער מצורע האט אים גערופן, וְרָאָה הַכֹּהֵן - און ער קוקט אויף די באפלעקטע הויט, וְהִנֵּה נִרְפָּא נֶגַע הַצָּרַעַת - און ער זעט אז די צרעת האט זיך פארהיילט (יד:ג). "מיין פריינט," רופט אויס דער כהן צו אים, "איך האב גוטע נייעס פאר דיר. איך פריי זיך דיר צו זאגן אז די צרעת האט זיך פארהיילט און דו ביסט אצינד גרייט צו קענען זיך אומקערן צו די געזעלשאפט."

אהא! דאס איז תחיית המתים! א מצורע איז חשוב כמת, עס איז ווי גלייך ער איז געשטארבן (נדרים סד:), און אצינד וועט ער זיך אומקערן צוריק צום געווענליכן לעבן! אבער, דאס פארשווינדן ווערן פון די צרעת איז נישט גענוג; איידער ער ווערט צוריק טהור מוז ער אריבערגיין א ספעציעלן פראצעדור, א סדר פון טהרה. עס זענען דא פיל טיילן צו די טהרה, וואס יעדער פרט איז וויכטיג, אבער אצינד וועלן מיר דאס איבערהיפן און מיר וועלן אריבערגיין צו די אונטערשטע שורה, וואס דאס איז דער גרעסטער לימוד פאר אונז.

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

## דער אינטערעסאנטער סדר הטהרה

**וואס** האט דער מענטש געדארפט טון? ער האט געדארפט ברענגען צוויי געזונטע פייגלעך צום כהן. דער כהן האט איבערגענומען די פייגלעך, איינעם האט ער גע'שחט'ן איבער אן ערדענע כלי און דעם צווייטן פויגל האט ער געלייגט אין זייט און ביים סוף פונעם סדר הטהרה, וְשִׁלַּח אֶת-הַצִּפֹּר הַחַיָּה עַל-פְּנֵי הַשָּׂדֶה - דעם לעבעדיגן פויגל האט ער ארויסגעשיקט פריי צום אפענעם פעלד (יד:ז). נאכן צוקוקן ווי דער פויגל פליט אוועק אויף דער פריי, האט דער מצורע זיך גע'טובל'ט אין מקוה צו מטהר זיין זיך און זיינע בגדים. דערנאך האט ער שוין געמעגט זיך צוריקקערן צו זיין היימשטאט און פארזעצן זיין לעבן ווי געווענליך.

די אלע הלכות גייען אריין אין כלל פון חוקים וואס די תורה ברענגט נישט אויף זיי קיין טעמים, אבער דאך מעגן מיר נאכגיין דעם דרך פון די גדולי תורה אין אלע דורות און פראבירן זאגן א רמז - מיט אונזערע קליינע מוחות - אויף וואס די מצוות טוען מרמז זיין.

## די געוואלדיגע באפרייאונג

**דער** מצורע איז געווען אין א 'נעץ' פון וועלכן ער האט געמיינט אז ער וועט קיינמאל נישט קענען אנטלויפן. צרעת, בפרט אין יענע צייטן, איז אפט מאל געווען א פאטאלער קרענק. דערפאר איז ער געווען אינדרויסן פון שטאט אומעטיג, נישט וויסנדיג אויב ער וועט אמאל אויסגעהיילט ווערן. ער איז געזעסן דארט מיט ווייטאג פון זיין קראנקהייט, פאראורטיילט צו א לעבן פון צער; אפגעהאקט פון די גאנצע געזעלשאפט. מעגליך אז ער האט דארט געפונען עפעס א כאטקע, א צעפאלענע בודקע, וואו ער קען פארברענגען זיינע טעג; אבער וואס עס זאל נישט זיין, איז ער געזעסן אינגאנצן אליין אויף די פעלדער אינדרויסן פון די שטאט גרעניצן און געטרויערט.

און דאן איז פלוצלינג געקומען די נייעס פון דער כהן ווי א בליץ: "דו ביסט יעצט א פרייער מענטש! דו ווערסט אויסגעלייזט פון דיין צער!" און אט די גרויסע באפרייאונג פון דער מצורע איז סימבאליזירט געווארן דורך די צוויי פייגלעך וואס ער האט געפאנגען, ווייל נאך וואס איינער פון די פייגלעך איז גע'שחט'ן געווארן, איז דער צווייטער, וואס איז געפאנגען געווארן אין זעלבן נעץ, ארויסגעלאזט געווארן צו פרייהייט. ווען א חי' ווערט אריינגעכאפט אין א נעץ און דערנאך רייסט עס זיך ארויס און אנטלויפט פון די לאפעס פון טויט איז די חי' גאר פרייליך; אבער דאס קומט נישט נאנט צו די געוואלדיגע שמחה פון א פויגל וואס באפרייט זיך פון זיין נעץ. א פויגל וואס אנטלויפט טוט סימבאליזירן א פולקאמע פרייהייט ווייל דער פויגל פליט ארויף אין די הויכקייטן, העכער א מענטשליכע דערגרייכונג; אצינד איז ער באמת פריי.

נַפְשֵׁנוּ כְּצִפּוֹר נִמְלְטָה מִפַּח יוֹקְשִׁים הַפַּח נִשְׁבָּר וַאֲנַחְנוּ נִמְלָטְנוּ - מיר זענען געראטעוועט געווארן ווי א פויגל פון א נעץ; מיר זענען פארכאפט געווארן און אצינד זענען מיר אנטלאפן פון דעם נעץ צו פרייהייט (תהלים קכד:ז). און אזוי, בשעת דער מצורע האט באטראכט ווי דער פויגל פליט אוועק, האט עס אים דערמאנט פונעם נעץ פון וועלכן ער אליין איז קוים געראטעוועט געווארן און ער טראכט פונעם פויגל וואס האט עס נישט דורכגעמאכט, דער גע'שחט'ענער פויגל, וואס טוט סימבאליזירן די אלע מצורעים וועלכע זענען נישט אויסגעהיילט געווארן פון זייער צרעת - נישט ביי יעדן איז די צרעת אוועקגעגאנגען - און אזוי ווערט דער אויסגעהיילטער מצורע פרייליך: "ברוך ה', איך בין ארויסגעלאזט געווארן אויף דער פריי!"

## צרעת, ווירוסן און מחלות

**אין** אמת'ן דארף יעדער אזוי טראכטן. כאטש דער פראצעדור איז געאייגנט ספעציפיש פאר דער מצורע, טארן מיר נישט פארפאסן די טיפע לערע דערפון וואס איז נוגע אויך פאר אונז - ווי פיל דארף זיין אונזער דאנק ווען מיר ווערן אויסגעהיילט פון קרענק. יעדער מענטש וואס איז געווען קראנק און ער האט זיך ערהוילט דארף זאגן די זעלבע ווערטער: וַאֲנַחְנוּ נִמְלָטְנוּ - איך בין ווי א פויגל וואס איז גראטעוועט געווארן פון א נעץ. דו געדענקסט ווי דו ביסט געלעגן לאנגע טעג אין בעט מיט א ווייראס, דו האסט געשפירט ווי דו וועסט מעגליך קיינמאל נישט ארויסקריכן דערפון און דערנאך ביסטו ענדליך גראטעוועט געווארן. דאס איז א געוואלדיגע שמחה! וַאֲנַחְנוּ נִמְלָטְנוּ! סיי ווען דו ווערסט גערעטעט פון א צער, זאלסטו דאס אלעמאל געדענקען.

לאמיר נעמען צום ביישפיל א מענטש וואס איין אינדערפרי וויל ער גיין פאר זיינע געברויכן און ער אנטדעקט אז ער קען נישט ארויסגיין. ער פראבירט מיט אלע כוחות אבער עס גייט נישט. אבער ער מוז! דאס איז אינגאנצן נישט קיין באקוועמער געפיל; עס איז ווי מען טרעפט צרעת אויף די הויט. מען קען זיך נישט ארומשפילן מיט אזא זאך! אלארמירט ער זיין ווייב, "עפעס טויג נישט! איך האב דא אן עמערזשענסי!" זי רופט א טעקסי אדער הצלה, וואס פירט זיי אריין אין שפיטאל מיט א בליץ שנעלקייט. די דאקטוירים און קראנקען שוועסטערס איילן זיך אהער און אהין צווישן פילע פאציענטן, האלטנדיג אין די הענט פארשידענע ערליי מעדיצינישע אינסטרומענטן, וואס יעדע מאל דער מענטש זעט איינע פון זיי דערשרעקט עס אים. אבער ער ליידט שרעקליך און ער טראכט, "אוי, רבונו של עולם, מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי - פון וועלכן אינסטרומענט וועט קומען מיין הילף?"

און דאן ענדליך נעמען זיי א גומינער רער, שמירן עס אן מיט א זאלב און שטופן עס מיט געוואלד אריין אין אים. אוי, אוי טוט עס וויי! איר קענט זיך פארשטעלן די הנאה פון אזא פראצעדור! זיי דרייען אריין א גומינער רער און עס קומט ארויס בלוט בשעת זיי צווינגען עס אריין. ער מאכט קולות אבער ענדליך שפירט ער א געבענטשטע פארלייכטערונג! ער קען ארויסגיין זיינע געברויכן. די ישועה איז געקומען! די דאקטוירים ערקלערן אז עס איז געווען עפעס א שטערונג דארט וואס איז באזייטיגט געווארן און יעצט קען ער אהיימגיין. ער ווערט צוריקגעקערט צו נארמאלקייט.

## א שאד אויף די מיטמאכעניש

**זאלט** איר וויסן, אז דער מענטש האט נארוואס באקומען א גרויסע מתנה. עס איז נישט נאר די מתנה פון דעם אז ער קען ווייטער אנגיין ווי געהעריג. דאס איז אוודאי וויכטיג, אבער די אמת'ע מתנה איז די געלעגנהייט צו אנערקענען ווי גוט דער באשעפער איז געווען צו אים פריער, ווען אלעס איז געווען נארמאל. אויב טראכט ער נישט אריין אין דעם יעדע מאל וואס ער קען ארויסגיין אין בית הכסא געהעריג, צו אנערקענען פון היינט אן די גרויסע חסדים וואס באגלייטן אים ווען ער גייט ארויס, איז די גאנצע מיטמאכעניש געווען גענצליך אומזיסט. א שאד.

דער גאנצער קערפער איז א צוזאמשטעל פון וואונדערליכע אפאראטן. דער מענטש האט געקענט אנגיין פופציג יאר און קיינמאל נישט אריינגעטראכט ווי מייסטערהאפט אלעס פונקציאנירט אין אים; ער האט קיינמאל נישט געוואוסט ווי גליקליך ער איז, ביז ער איז אנגעקומען צו די גרויסע רעטונג. און דערפאר דארף ער פארשטיין אז דער אינצידענט איז צו אים געשיקט געווארן דורכן באשעפער אים צו לערנען

פון היינט אן אז ער זאל זיין פול מיט שמחה ווען ער קען ארויסגיין. ער באקומט יעצט א נייער בליק צו זיין לעבן. זיין ברכה אשר יצר זאגט זיך גאר אנדערש. ער איז פול מיט לויב, "גָּאַלְתָּ חַיָּי - באשעפער, דו האסט געראטעוועט מיין לעבן!" (איכה ג:נח)

## ריכטיגע שמחה

**אויב** וועט דער מענטש דערציילן פון זיין פרייליכקייט איבער דעם וואס ער קען ארויסגיין געהעריג פאר איינער וואס האט קיינמאל נישט איבערגעלעבט א קאטאסטראפע, וועט ער אים אויסלאכן. "מיט וואס ביסטו אזוי פריילירך?! וואס איז עס דען?! דאס הייסט א פרייד?!" מענטשן קוקן אן דעם באגריף פון שמחה, ווי עפעס וואס באגלייט אן אינטערעסאנטער פארברענג, אן אונטערהאלטונגס רייזע, עסן א געשמאקער מאכל; אט דאס הייסט פרייליכקייט! אבער צו ארויסגיין אין בית הכסא בשלום איז א שמחה?!

אבער דער אויסגעהיילטער מענטש וועט נישט איבערגענומען ווערן פון אזעלכע אפשפעטונג, ווייל ער האט שוין געלערנט אויף זיינע אייגענעביינער וואס איז אמת'ע שמחה. ער אליין איז פארכאפט געווארן אין א נעץ און ער געדענקט דעם פויגל וואס איז נישט געראטעוועט געווארן, דער פויגל וואס איז גע'שחט'ן געווארן. עס זענען דא מענטשן וואס גייען ליידער נישט אהיים פון שפיטאל. צומאל קומט דער דאקטער און זאגט פארן פאציענט, "אנטשולדיגט מר. אזוי און אזוי, אבער מיר דארפן דיר אויפהאלטן דא צו מאכן פארשידענע טעסטן. עס זעט אויס צו זיין עפעס א געוואוקס דארט און מיר דארפן מאכן א ביאפסי." און דאן הייבט זיך אן א קייט; דאקטוירים, ספעציאליסטן, טעסטן און שפיטעלער (ר"ל).

אט דאס איז געווען די גרויסע פארדינסט פאר דעם מצורע; ער איז אריבער א לערנונג דורך שווערע קלעפ און אצינד איז ער געווארן א געשולטער מאן. ווי פריילירך דארף א מענטש זיין ווען ער ווייסט נישט פון קיין פראבלעמען מיט זיין קערפער! דאס האט ער געלערנט. געזונט, דאס איז פארמעגן!

עס דערמאנט מיר וואס א רוסישער שוסטער האט מיר אמאל געזאגט: "אז מ'איז געזונט איז מען רייך." דער שוסטער האט מיר געלערנט א שטיקעל תורה!

## שעצן א נארמאל לעבן

**נישט** נאר דאס געזונט האט דער מצורע זיך געלערנט צו שעצן. ער האט באקומען לערנונגען צו שעצן א נארמאלע לעבן. דער אויסגעהיילטער מצורע האט זיך יעצט געלערנט אז דאס לעבן, אינעם פשוט'סטן אופן, בלויז צו לעבן מיט אנדערע בשלום, צו קענען האבן שייכות נארמאל מיט אנדערע, דאס איז דער גרעסטער תענוג!

דער מצורע איז געווען אינגאנצן אליין! עַל שָׂפָם יַעְטֶה - ער האט געדארפט צודעקן זיין מויל מיט זיין מלבוש (יג:מה). וואו ער איז געגאנגען האט ער געדארפט ארויפציען זיין שלייער און באדעקן זיין מויל, א צייכן פון א מענטש וואס איז אפגעהאקט פון געזעלשאפט, פארבאטן צו האבן שייכות מיט די מענטשהייט. און ווען איינער וואלט צוגעקומען נאנט צו אים, וְטָמֵא טָמֵא יִקְרָא; ער האט געדארפט אויסרופן, "טמא, טמא", צו ווארענען מענטשן צו אפטרעטן ווייט פון אים (שם). מענטשן האבן געקוקט צו אים פונדערווייטנס און אים אויסגעמיטן - זיי האבן נישט געוואלט צוקומען נאנט צו אים ווייל ער קען זיי מטמא זיין. מען האט אפילו נישט געטארט זיך געפינען אונטער איין דאך מיט אים.

איז לאמיר זאגן, מענטשן האבן שפאצירט אויסערן שטאט ווען עס האט זיך אראפגעלאזט א רעגן, זענען

זיי געגאנגען אונטער א דעכל זיך צו באשיצן - דער מצורע האט נישט געטארט גיין אונטער די זעלבע דעכל צוזאמען מיט זיי; זיי וואלטן אנטלאפן.

און אצינד, ברוך ה׳, ער קען שוין ווידעראמאל זיך געפינען צווישן מענטשן! עס איז אלעס פאריבער! אבער די לערעס האט ער געלערנט אויף אייביג! דער מצורע האט פארדינט א געוואלדיגער ריווח פון זיין איבערלעבעניש, וואס ער וואלט אנדערש נישט געקענט באקומען, ווייל ווען ער איז געווען געזונט האט ער נישט געשעצט וואספארא ברכה דאס איז. ער האט קיינמאל נישט אריינגעטראכט ווי געשמאק עס איז צו קענען לעבן נארמאל. עס איז געווען ווערד די איבערלעבעניש - אלע שוועריקייטן איז געווען א קליינער פרייז צו באצאלן - פאר אזא גרויסע דערגרייכונג פון שפירן דאנקבאר צום באשעפער פאר א נארמאלער לעבן!

אלעס איז צוריקגעווארן נארמאל! דער שטייגער איז אזוי געשמאק! עס איז אזוי גוט צו ווערן צוריק אנגענומען אין געזעלשאפט, זיין אינאיינעם מיט זיין פאמיליע. ער האט מיט וועמען צו פארברענגען, ער האט חברים, ער קען צוריקגיין צו די ארבעט. ׳ווי גוט איז צו גיין אויף די גאסן אין שטאט בשלום אן וואס מענטשן זאלן אנטלויפן פון מיר,׳ טראכט ער. ׳ווי גוט איז צו לעבן נארמאל צווישן מענטשן, צו קענען ארויסגיין ארבעטן.׳ ער האט זיך געלערנט צו זיין דאנקבאר אויף דעם אליין.

ער טראגט נישט קיין צודעק אויף זיין מויל און קיינער לויפט נישט אוועק ווען ער דערנענטערט זיך. ער געהערט צווישן יעדן - ער איז צוריק אנגענומען צווישן דער געזעלשאפט! ׳איך קען ווידעראמאל גיין אין שול!׳ עס איז געשמאק צו קענען אריינשפאצירן אין שול! עס איז געשמאק צו דאווענען מיט א מנין!

אצינד לויבט ער דעם באשעפער א גאנץ לעבן בלויז צוליב דעם ווייל ער געדענקט די שווארצע טעג פון יאוש. ער איז גליקליך צו זיין דער פויגל וואס איז געראטעוועט געווארן!

## דאנקן פארן קענען גיין אין מארק

**בשעת** ער שפאצירט אויפ׳ן גאס לויבט ער דעם באשעפער. צו קענען גיין אויף די גאסן פון דיין שטאט, דאס איז א גליק פון לעבן! ווען דוד המלך האט זיך אויסבאהאלטן אין א הייל פון שאול המלך, ער איז געווען דערשראקן פאר זיין לעבן, האט ער געבעטן דעם באשעפער צו ווערן געראטעוועט: אֶתְהַלֵּךְ לִפְנֵי הַ׳ בְּאַרְצוֹת הַחַיִּים - איך וויל גיין פאר דעם באשעפער אין דעם לאנד פון לעבן (תהלים קטז:ט). ״אוי, רבונו של עולם!״ האט דוד געבעטן, ״איך בעט דיר, ברענג מיר צוריק אריין אין שטאט ירושלים, לאז מיר ווידעראמאל גיין בארצות החיים.״

וואס איז דער ׳ארצות החיים׳, דאס לאנד פון לעבן, אויף וועלכע דוד האט אזויפיל געבעטן? ערקלערט די גמרא אין מסכת יומא (עא.), זה מקום שווקים - עס איז דער פלאץ וואו עס געפינען זיך די מארקן. רש״י ערקלערט, אז דוד האט גערעדט איבער די גאסן וואו עס געפינען זיך געשעפטן און מ׳קען קויפן אלעס וואס מ׳דארף.

דאס הערט זיך אביסל אומפארשטענדליך. דוד איז געווען באהאלטן אין א הייל וואו ער האט גארנישט פארמאגט און ער בעט צו ווערן צוריקגעקערט צו א פלאץ פון מארקן? ער שטרעבט צו קענען גיין איינקויפן? מען דארף פארשטיין וואס דאס באדייט.

דער ענטפער איז, אז דוד האט פארשטאנען וואו גוט עס איז צו האבן אלעס גרייט צו די האנט; צו

וויסן אז סיי וואס מ'דארף קען מען ארויסגיין אין גאס און קויפן. "באשעפער, איך בעט דיר, לאז מיר ווידערדערמאל אראפשפאצירן די גאסן." דאס איז אויף וואס דוד האט ארויסגעקוקט - בלויז צו גיין אויף די גאסן אין ירושלים וואו מען פארקויפט סחורה; פראדוקטן, טרויבן, טייטלען, איילבירטן, פייגן, ווייץ, גערשטן, קליידונג און אלעס וואס ברענגט הנאה אין לעבן. דו קענסט קויפן עסן, פאפיר און זייף. אלעס וואס דו דארפסט! דו גייסט פארביי א געשעפט, צום ביישפיל א פלייש געשעפט, עס איז דא א גאנצער אויסוואל פון צעשניטענע פליישן; אלע סארטן פליישן, געשניטן אויף אלע סארטן אופנים. אלעס איז דא צו די האנט! דאס איז א גרויסע שמחה!

עס איז א וויכטיגער ענין צו לערנען ווי אזוי צו הנאה האבן צו שפאצירן אויף די גאסן, ווי אזוי צו הנאה האבן פון די געשעפטן און מארקן, און דער מצורע האט געלערנט די סוגיא אויפן שווערן וועג. און אצינד ווען ער קערט זיך צוריק אויף די גאסן דאנקט ער אויף די געשעפטן. "געלויבט ביסטו באשעפער פארן מיר ערמעגליכן ווידעראמאל צו גיין בארצות החיים, וואו אלעס וואס איך דארף איז דא צו באקומען."

## חלק ב' - מתנות פון די וועלט

### דער סדר הטהרה

**כדי** צו פארשטיין בעסער דעם מוסר השכל וואס דער מצורע האט געדארפט אפלערנען, איז כדאי מיר זאלן דורכטון די פרטים פון דעם סדר הטהרה. ווי מיר האבן פריער גערעדט, דארפן מיר אריינטראכטן: פארוואס האט די תורה באפוילן די אלע הלכות אין דעם סדר הטהרה?

אז מיר קוקן אריין אין די פסוקים זעען מיר אז אויסער די צוויי פייגלעך וואס מען האט גענומען, האט דער מצורע געדארפט ברענגען נאך זאכן צום כהן. ער האט געדארפט אויפזוכן א צווייג פון א צעדערבוים - די הויכע און שטארקעביימער - ווי אויך אן אזוב; א פיצעלע 'מאס' געוויקס, די סארט וואס וואקסט ארויס פון די ווענט פון הייזער. דערצו האט ער אויך געדארפט נעמען א שטיקל פאדעם געפארבט מיט א שטארק רויטן קאליר, וואס מיט דעם פאדעם האט ער צאמגעבונדן דעם צעדער צווייג מיט דעם אזוב גראז. דאן האט דער כהן גענומען דעם פויגל וואס איז געבליבן לעבן, צוזאמען מיט דעם בינטל פונעם צווייג און גראז און דאס אלעס האט ער איינגעטונקען אינעם שיסל בלוט פון דער גע'שחט'ענער פויגל און געשפריצט דערפון זיבן מאל אויפן מענטש וואס האט זיך יעצט מטהר געווען פון זיין צרעת.

### וואס באדייט די גאנצע זאך?

**דער** מצורע האט נישט געקענט סתם טון די אלע זאכן אן אריינצוטראכטן אז דער גאנצער סדר הטהרה האט עפעס א טיפערן באדייט. איז וואס מיינט טאקע דאס אלעס? דער כהן האט געשפריצט בלוט אויף אים מיט א בינטל פון צעדער האלץ און אזוב גראז צאמגעבונדן מיט א רויטן פאדעם. וואספארא מוסר השכל דארף דער מצורע - און יעדער וואס לערנט די פרשה - אפלערנען פון די הלכות פון דער סדר הטהרה?

די ערשטע זאך דארפן מיר אריינקוקן אין תנ"ך און זען וואו מיר קענען טרעפן עפעס א שטיקל ערקלערונג אויף די צוויי זאכן; דער צעדער בוים און אזוב גראז - בפרט ווען זיי קומען זיך צוזאם. אז מיר זוכן וועלן מיר טרעפן.

אין ספר מלכים שטייט וואס שלמה המלך האט געלערנט פאר דאס אידישע פאלק: וַיְדַבֵּר עַל הָעֵצִים מִן הָאֶרֶז אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן וְעַד הָאֵזוֹב אֲשֶׁר יֹצֵא בַּקִּיר - און ער האט גערעדט אויף דיביימער פון צעדער וואס איז אין לבנון ביז דער אזוב גראז וואס וואקסט אויפן וואנט (מלכים א, ה:יג). אהה! מיר האבן עפעס געטראפן! שלמה רעדט איבער דער עץ ארז, די הויכע שיינע צעדערביימער, און דער אזוב, דאס קליינע געוויקס וואס וואקסט ארויס פון צווישן די שפאלטן פון וואנט.

## דער סוד פונעם ארז און אזוב

**פארוואס** האט שלמה אויסגעוועלט צו רעדן בלויז איבער די צוויי זאכן? דער ענטפער איז אז ער האט נישט נאר אויף דעם גערעדט. מִן הָאֶרֶז אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן וְעַד הָאֵזוֹב. עַד! ער האט גערעדט, אנגעהויבן פון די הויכע ביימער ׳עד׳ - און אלעס אינצווישן ביז אראפ צו די אזוב גראז וואס וואקסט אויף די ווענט. ער האט אנגעהויבן מיט די צעדערביימער אבער ער האט גערעדט פון אלע ביימער; פון עפל ביימער און פייגן ביימער און טייטל ביימער און איילבירטן ביימער. און ער האט נישט גערעדט בקיצור; ניין, ער האט גערעדט באריכות.

ער האט גערעדט איבער זייערע פירות און איבער זייערע בלעטער. ער האט גערעדט איבער זייער וואונדערליכער אויסשטעל פון צווייגן. ״שטיי אונטער דעם בוים,״ האט ער געזאגט, ״און קוק ארויף!״ עס איז נישטא קיין איין צווייג וואס ליגט פונקטליך אונטער דעם צווייג פון העכער דעם. יעדער צווייג האט איבער זיך אפענע פלאץ צו קענען געניסן פון די זונען שיין. ווי אזוי האט דאס פאסירט? ווער האט געהייסן די צווייגן זיך אזוי אויסשטעלן?

און דער בוים לאזט אראפ קערעלעך צו די ערד, וואס פון די קערעלעך וואקסט ארויס נאך א בוים. דאס איז אזא נס, אז אלע וויסנשאפטלער אינאיינעם קענען דאס נישט ערקלערן. פון וואו איז דער בוים ארויסגעקומען? אויב איר גראבט אונטער דעם וועט איר טרעפן א וואלד? דאס גאנצע וואס איר וועט געפינען איז שמוץ. ווי אזוי קומען צעדערביימער און עפל ביימער ארויס פון שמוץ? דאס אלעס קומט פון א קליין קערל - יעדע קערל פארמאגט אין זיך כאטש מיליאן טיילן פון אינפארמאציע איינגעקריצט אין אירע גענעטישע צעלן, וואס שרייבן פאר ווי אזוי ארויסצוגעבן א בוים - און דאס קליין קערל ענטהאלט די אלע גרויסע מאשינען וואס ערמעגליכן עס צו פראדוצירן. דאס איז זייער א קאמפליצירטע אויסארבעטונג - מיט חכמה, מיט תחבולות, מיט טאקטיקן, מיט אויספלאנירונג, קאאפעראציע און אראנזשירונג, איין שטאפל נאך די אנדערע. דאס איז נסי ניסים! יעדער וואס אבזערווירט דאס קומט צו אנערקענונג אין באשעפער, פונקט ווי ער זאל זיין אנוועזנד ביי קריעת ים סוף. נישט ווייניגער ווי סיי וועלכער נס פון וואס די תורה דערציילט, קען מען זען אין די ביימער סיי וואו מ׳קוקט.

## דער מצורע האט נישט געזען

**און** דאס איז פונקט וואס דער מצורע האט פארזען ווען ער פלעגט גיין אויפן גאס. ער האט אראפשפאצירט די גאס און ער האט קיינמאל נישט באמערקט די ביימער. ער איז געווען צו פארנומען ארויסשיסן פון זיין מויל; לשון הרע, דברים בטלים, לצנות. אזוי האט זיך דאס גאנצע איבערקערעניש אנגעהויבן. די גמרא (ערכין טו:) זאגט, ״איינער וואס רעדט דיבורים אסורים, ער ניצט זיין מויל אויפן נישט ריכטיגן וועג, וועט געשטראפט ווערן מיט צרעת.״

ווי אזוי פאסירט אזא זאך אז א מענטש זאל לאזן זיין מויל לויפן אן צו טראכטן? דער ענטפער איז, ער טראכט נישט פון באשעפער. דער בעשעפער געפינט זיך אפשר אין שול, בשעת מנחה. און אפילו דאן, איז ער נאר אין סידור. אבער אויפן גאס?! ער טראכט אינגאנצן נישט פון באשעפער. ער שפאצירט מיט זיינע פריינט און באוועגט זיין צונג - ער פארשעמט און דערנידערט מענטשן, און אפילו נאר צו רעדן דברים בטלים ווייזט אז מ'טראכט נישט פון באשעפער.

שלמה המלך זאגט אונז אין קהלת (ה:א): אַל תְּבַהֵל עַל פִּיךָ - זאלסט זיך נישט איילן מיט דיין מויל, וְלִבְּךָ אַל יְמַהֵר לְהוֹצִיא דָבָר לִפְנֵי הָאֱלֹקִים - און דיין הארץ, דיין מח, זאל זיך נישט איילן צו ארויסברענגען רייד פאר דעם באשעפער. ווען דו גייסט אין גאס איז דער באשעפער דארט, איז האלט זיך שטיל! כִּי הָאֱלֹקִים בַּשָּׁמַיִם וְאַתָּה עַל הָאָרֶץ - ווייל דער באשעפער איז אין הימל און דו ביסט אויף דער ערד, עַל כֵּן יִהְיוּ דְבָרֶיךָ מְעַטִּים - דערפאר זאלן דיינע רייד זיין ווייניג.

אה, אצינד איז נאך עפעס דא אין בילד; 'אלקים' איז יעצט אין בילד! דו ביסט נישט אויפן גאס אליין מיט דיינע פריינט; אלקים איז אין הימל איבער דיר און ער קוקט אויף דיר. עַל כֵּן יִהְיוּ דְבָרֶיךָ מְעַטִּים - דערפאר זאלן דיינע רייד זיין ווייניג.

## אין אנוועזנהייט פונעם פרעזידענט

**אויב** א מענטש עפענט זיין מויל און ווערטער פליען ארויס אן קיין אפהאלט, ווייזט דאס אז ער שפירט נישט ווי ער געפינט זיך אין איינעם'ס אנוועזנהייט! לאמיר זאגן דו וואלסט געשטאנען פאר דעם שטאטראט, אדער קעגן דעם פרעזידענט פון אמעריקע - היינט איז ער נישט אזא אנגעזעענער פערזאן - אבער דאך וואלסטו נישט גערעדט צופיל אין זיין אנוועזנהייט. דו וואלטסט זיכער נישט געלאזט דיין מויל גיין פריי.

אזוי אויך, להבדיל, ווען א מענטש אנערקענט אז דער באשעפער שטייט גראד פאר אים, דאן האלט ער זיין מויל פארמאכט. ווען דו שפירסט א געפיל פון נאנטקייט צום באשעפער - ווען עס איז נישט בלויז אין ווערטער און טעאריעס - דאן עפנסטו נישט דיין מויל אין זיין אנוועזנהייט. דו האלטסט זיך שטיל, כאטש אזוי שטיל ווי דו וואלטסט געווען קעגן דעם פרעזידענט. כאטש אזויפיל! אויב דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן וואלט דא געשטאנען, וואלטסטו אכטונג געגעבן מיט יעדן ווארט וואס קומט ארויס פון דיין מויל! דאס מיינט אז דו גלייבסט אין דעם פרעזידענט מער וואו דו גלייבסט אין באשעפער!

## דער צעדער צווייג דערמאנט דיר

**און** דאס ברענגט אונז צוריק צום עץ ארז ואזוב און צו אלעס אינצווישן. ווייל דער בעסטער אופן, דער פארזיכערסטער וועג צו ווערן באוויסטזיניג פון באשעפער אין אלע צייטן, איז דורך זיין בריאה. ווען דו זעסט זיינע ביימער, זיינע געוויקסן, אלעס וואס איז זיינס, איז נישטא קיין בעסערער באוויז אויף מציאת ה'. דו זעסט קלאר מיט דיינע אויגן אז ס'איז דא א באשעפער. וועט איר מיר זאגן, "ווער דארף באווייזן? איך בין א פרומער איד." ניין, דאס זענען נישט קיין באווייזן, דאס איז טאפעדיגע באוויסטזיניגקייט! מיר ווילן זען דעם באשעפער מיט זיין הנהגה - מיר ווילן זען די פארשטעלונגען פון זיין גרויסקייט און זיין גוטסקייט ווייל דאס וועט אונז מאכן באוויסטזיניג פון באשעפער אין די מערסטע טאפעדיגע וועג.

אבער דער מענטש האט נישט געוואוסט ווי אזוי צו גיין אויף די גאסן און זען די פארשטעלונגען פון באשעפער ארום אים און דערפאר האט מען אים געזאגט, "נישטא מער אזא זאך א מענטש זאל שפאצירן

דורך די גאסן אן טראכטען!" ווי אזוי זאל א מענטש נישט באמערקן דיביימער וואס ער גייט פארביי און זען די וואונדערליכע חילוקים פון איין בוים צום צווייטן?! צו דעם האט עס דער באשעפער געמאכט - דו זאלסט עס זען און אנערקענען זיין גרויסקייט!

## ווער דארף וואסערפאלן?

**מענטשן** רופן מיר אין טעלעפאן צו פרעגן אזעלכע שאלות אויב זיי זאלן פארן צו 'נייאגרא פאלס' צו זען די נפלאות הבורא פון די וואונדערליכע וואסערפאלן דארט. צו פארן צען שעה זען וואסערפאלן?! ווען דו וועסט ענדיגן באטראכטן און באוואונדערן די נפלאות הבורא ארום דיין וואוינארט, דאן זאלסטו מיר נאכאמאל אנרופן און מיר וועלן רעדן איבער נייאגרא פאלס. דערווייל האסטו נאכנישט אנגעהויבן!

דאס איז וואס דער מצורע האט געדארפט טראכטן ווען ער האט געזוכט אינעם וואלד אינדרויסן פון שטאט א צווייג פון א צעדערבוים: "חיים'ל, דו נאר!" האט ער גערעדט צו זיך, "פארוואס האסטו נישט געהאלטן דיינע אויגן אפן צו זען די ביימער איידער דו ביסט קרעציג געווארן? פארוואס האסטו נישט געזען דעם יד ה' דורך די פארשידענע סארטן ביימער וואס דער באשעפער האט איינגעפלאנצט פאר דיר צו זען?"

## אן פארבילד

**און** אזוי, ווען דער מצורע האט זיך ענדליך צוריקגעקערט צום געווענליכן לעבן, האט ער שוין געוואוסט ווי אזוי צו שפאצירן אויף די גאסן. בשעת ער גייט צום כולל אדער צו די ארבעט קוקט ער אויף די פארשידענע סארטן בלעטער אויף די ביימער און ער נעמט אין אכט וואס דער באשעפער ווייזט אים. צומאל זעט ער א 'געווענליכע' בלעטל, הייבט ער עס אויף און שטודירט דורך די חכמת ה'.

זע דעם פאקט אז יעדע בלעטל, פון מיליאנען בלעטער אויף די ביימער פון איין גאס, האט צוויי זייטן; א טונקל גרינער זייט וואו עס ענטהאלט אסאך 'קלאראפיל' און א ליכטיג גרינער זייט וואו עס איז נישטא צופיל 'קלאראפיל'. ביי יעדן איינציגן בלעטל איז דער טונקל גרינער זייט אויסגעדרייט קעגן דעם זון און די ליכטיג גרינער זייט איז אוועקגעדרייט פונעם זון! מיליאנען און מיליאנען בלעטער! ווי אזוי האט דער 'צופאל' פאסירט? ווייל קלאראפיל דארף האבן זון, דערפאר איז דער טונקל גרינער זייט אויסגעדרייט צום זון. אלזא, דאס איז א פארבילד אז דער באשעפער געפינט זיך אט דא אויף דעם גאס.

## ערעפלאנען און פאראשוטן

**אין** אנדערע צייטן זעט ער אן אנדער סארט בלעטל, א זומען בלעטל; דאס איז אן 'ערעפלאן' וואס פירט דריי אדער פיר פאסאזשירן, די זומען, אין צענטער פונעם בלעטל. דער זומען בלעטל פאלט אראפ פונעם בוים אין אנהייב סעזאן און עס ווערט געפירט דורכן ווינט - דער בלעטל פירט מיט זיך זיינע 'פאסאזשירן' ארויס פונעם שאטן פון זיין שטאם בוים און עס פאלט וואו עס קען וואקסן מיט מער ערפאלג, וואו עס וועט זיך נישט דארפן פארמעסטן מיט זיין שטאם בוים זיך צו טיילן מיט די נערונגען פון די ערד.

אן אנדער טאג וועט ער זען די די קערנדלעך פון די סיקאמאר ביימער (שקמה). אנשטאט דאס צו איגנארירן, וועט ער אויפהייבן איינע און באטראכטן ווי אזוי די באליס דערין זענען צאמגעשטעלט פון הונדערטער קליינע קערנדלעך, וואס יעדע קערנדל האט ביים סוף באהאפטן דערצו א פליגל, אזוי אז עס זאל מיטפליען מיטן ווינט און אזוי צעבלאזן ווערן און זיך פארשפרייטן איבעראל און איינפלאנצן נאך אפאר ביימער.

צי איז עס דען נישט א מערקווירדיגער מציאות, אז א קערנדל זאל האבן פליגלען אויף זיך? און כאטש וואס דער פליגל איז אן אנגעבלאזענע זאך, איז עס אזוי פאכמאניש צאמגעפאקט אזוי אז די פליגלען נעמען נישט אויף קיין פלאץ אינעם באלי אויפן בלעטל. פון אינדרויסן זעט מען נאר די פינטלעך פון די קערנדלעך. עס איז א וואונדערליכער אויסשטעל - די קערנדלעך זענען פון אינדרויסן און אינעווייניג געפינען זיך די 'פאראשוטן'. און ווען עס פאלט צו די ערד און ווערט צעדריקט, הייבן די ווינטן אן צו בלאזן און די קערנדלעך פליען ווייט, ווייט אוועק און פלאנצן איין נייע סיקאמארביימער.

## שלמה האט געזען דעם באשעפער

**אזוי** האט שלמה המלך באטראכט די וועלט. ער האט געזען דעם יד ה' איבעראל וואו ער האט געקוקט און דערפאר האט ער געפילט ווי ער שטייט פאר דעם באשעפער. מִן הָאֶרֶז אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן - פון די הויכע שטאנדהאפטיגעביימער, אראפ און אראפ וְעַד הָאֵזוֹב אֲשֶׁר יֹצֵא בַּקִּיר, ביז ער האט דערגרייכט צו די אזוב גראז, האט ער געזען דעם באשעפער. ער האט געגעבן א שיעור כללי איבער דעם אזוב גראז. פון וואו קומט די אזוב גראז? ווי אזוי איז עס אנגעקומען אהין אינדרויסן פון די וואנט? דער ענטפער איז אז ווען די גראז הייבט אן צו שפראצן לאזט עס ארויס פיצקעלע ארגאניזמס אין די לופט. מען זעט דאס נישט מיטן אויג אבער די ארגאניזמס פליען אין די לופט און דער ווינט פירט עס ארום, ביז די ארגאניזמס באזעסן זיך אין א שפאלט אויפן וואנט - א שפאלט וואס איז אזוי קליין אז מ'קען אפילו נישט ארייגשטעלן א פינגער נאגל דארט. און דאך זעצט זיך דער ארגאניזם אריין און שלאגט ווארצלען. ביז ענדליך טוט דער ארגאניזם פראדוצירן אן אזוב פלאנצונג וואס שטעקט ארויס פונעם וואנט.

אלזא, ווען דער מצורע האט אפגעקראצט דעם שטיקל אזוב פון אן אלטן וואנט פאר זיין טהרה, האט ער זיך אליין גע'מוסר'ט, "חיימ'ל, עס איז נישט גענוג צו זען דעם באשעפער אין די ביימער. פארוואס האסטו נישט באמערקט אט דעם אזוב ווען דו ביסט נישט געווען א מצורע?" און ער פארשטייט אז ווייל ער האט געהאלטן זיינע אויגן פארמאכט אנטקעגן די נפלאות הבורא פון ארום אים, אנטקעגן די געלעגנהייטן פון אנערקענען דעם באשעפער, דערפאר מוז ער יעצט ארויסזוכן די ביימער און געוויקסן אויף אנדערע, מער פיינליכע, אופנים.

און דער מצורע פארשטייט פון דעם אלעם; ווען ער איז צוריק געזונט, ווען ער וועט צוריק אנקומען אין שטאט, אז ווען ער זעט גראז ארויסשפראצן פון א שפאלט אויף די גאס ערד, וועט ער זיין אוימערקזאם צו די זאכן און ער וועט זיך דערמאנען פון באשעפער א גאנצע צייט. ווען ער וועט פארביי גיין זיין שכן'ס גארטן וועט ער זיך אפשטעלן און באטראכטן די בלומען. זיכער וועט ער; ער וויל זיך נישט דארפן לערנען דעם מוסר השכל אויף אן אנדער וועג. ער דערמאנט זיך דעם פסוק אין מלכים: און שלמה המלך האט גערעדט איבער די ביימער פון צעדער וואס איז אין לבנון ביז דער אזוב גראז וואס וואקסט אויפן וואנט (מלכים א, ה:יג). און ער זאגט, "איך וועל דאס אויך טון."

# חלק ג' - מתנות און דער אויסוואל

## דער סוד פון רויט

**אבער** די רייד וועלן ווייניג משפיע זיין, אויסער אויב מ'פראקטיצירט צו לעבן דערמיט. כדי די ווערטער

זאלן מאכן אן איינדרוק, ווען דו שפאצירסט ארויס אין גאס דאס קומענדיגע מאל, זאלסטו מאכן זיכער צו פראקטיצירן ווי אזוי ריכטיג צו שפאצירן אויף די גאסן. אפילו ווען דו וואוינסט אין א שטאט, אויב וועסטו אין אכט נעמען וועסטו באמערקן אלע סארטן ביימער און בלומען, אלע סארטן ערשיינונגען וואס דארפן דיר דערמאנען פון באשעפער.

און דאס ברענגט אונז צום קומענדיגן טייל פון דער סדר הטהרה פון דער מצורע. וְטָבַל אוֹתָם וְאֵת הַצִּפֹּר הַחַיָּה בְּדַם הַצִּפֹּר הַשְּׁחֻטָה - און ער זאל זיי איינטינקען (דער טענען האלץ מיטן אזוב צאמגעבונדן מיטן רויטן פאדעם) און דער לעבעדיגער פויגל, אין דאס בלוט פון דער גע'שחט'ענער פויגל. מיר זעען דא אז די תורה באציט זיך שטארק צום רויטן קאליר - דער רויט געפארבטער פאדעם האט מען איינגעטונקען אין רויטע בלוט. וואס איז דאס? וואס דארפן מיר פארשטיין דערפון?

דער ענטפער איז אזוי: דאס סימבאלאזירט צוויי סארטן רויטקייט - איינע איז פון נאטורליכע פארב און די צווייטע איז בלוט; דערביי איז דער באשעפער מרמז, איר קענט מאכן דעם אויסוואל: צי וועסטו מיר דערקענען דורך די קאלירפולע וועלט וואס איך שטעל דיר צו, אדער חס ושלום, דורך אן אנדערער מער פיינפולער רויטער קאליר?

דער באשעפער האט באשאפן אין די בריאה א וועג פון פראדוצירן א הערליכער רויטער קאליר - אזוי אויך אנדערע פארבן - דו קענסט נעמען א פשוט'ער שטיקל וואל און דאס פארבן מיט א הערליכן קאליר. און דער באשעפער וויל דו זאלסט באמערקן דעם קאליר - ער וויל דו זאלסט שעצן די קאלירטע וועלט וואס ער האט באשאפן פאר דיר. דערפאר האט מען געדארפט איינטינקען דעם רויטן פאדעם אין אן אנדער סארט רויטקייט, אין בלוט. עס איז א ווייטאג צו דארפן ניצן אזא סארט רויטקייט, אבער וואס קען מען דען טון? דער באשעפער זאגט, "אויב דו ניצט נישט דעם ערשטן אופן, דאן וועסטו מוזן ניצן דעם צווייטן, די בלוט, דיר צו דערמאנען צו שעצן דעם קאליר אין לעבן וואס איך געב דיר."

## א קאלירטע וועלט

**שטעלט** זיך פאר א מינוט, ארומקוקנדיג ארום זיך בשעת איר שפאצירט אין די קאלירפולע וועלט, אויב אלעס וואלט געווען שווארץ און ווייס; אן קיין שום קאליר. עס וואלט נאך אלץ גוט געווען, עס איז נאך אלץ א תענוג דאס צו זען. עס איז בעסער ווי איידער אינגאנצן נישט צו זען חלילה, אבער דאס לעבן וואלט נישט געווען די זעלבע - מיר זעען פיל קאלירן, וואס דאס געבט צו לעבהאפט צו אונזער לעבן. דו קוקסט אויף א מענטש, דו זעסט אביסל רויטקייט אויף זיין געזיכט, דו זעסט דעם קאליר אויף זיין רעקל, דער קאליר אין זיינע אויגן. עס איז געשמאק צו זען זאכן מיט קאלירן!

## גראז און דאנדעליאנס

**דער** באשעפער וויל דו זאלסט זיין אויפמערקזאם צו די רויטע רויזן וואס דו גייסט פארביי אויפן גאס. נישט נאר די רויטע. ווען דו זעסט גרינע גראז, איז דאס אויך א קאליר וואס דו דארפסט זיך באציען דערצו. גרינע גראז איז הערליך. ערשטנס איז עס ווי א טעפיך. אזוי דארפסטו קוקן אויף די גראז; ווי א הערליכער גרינער טעפיך. דו ווייסט ווי שיין עס איז דער קאליר גרין?! עס איז א תענוג. עס איז א זיסער קאליר, עס איז לייכט צו די אויגן, וואס דערפאר האט דער באשעפער אויסגעוועלט דעם קאליר פאר די גראז און בלעטער פון וואס עס איז דא אזויפיל.

און דאן באמערקסטו דעם דאנדעליאן בלום, א שארפע געלער דאנדעליאן, שטעקט זיך ארויס פון צווישן די גראז. פון וואו האט זיך געשאפן דער געלער קאליר? און צוליב וועלכן צוועק איז עס געל? וועט איר זאגן אז דאס דארף צוציען דעם בין - דער בין זאל זיך צוכאפן דערצו און נעמען אויסנאגן די בלומען זאפט. אבער נאך וויכטיגער איז, עס זאל ציען דיין אויפמערקזאמקייט - צו אריינשיינען אין די אויגן פון מענטשן און אנפילן אונזערע מוחות מיט מחשבות, פול מיט אנערקענונג צום באשעפער. דאס איז דער וויכטיגסטער צוועק פון דער געלער קאליר אויף דער דאנדעליאן.

## צוויי סארט קאלירן

**אבער** דער מצורע האט דאס נישט אויפגעכאפט. ער האט נישט געזען די גרינע גראז און די געלע דאנדעליאנס. ער איז פארביי געגאנגען קאלירפולע גארטנס און קיינמאל נישט געטראכט פון באשעפער. ער האט געזען דעם בלויען הימל און די גרינע גראז און די געלע זונען שיין און ער האט פארגעזעצט צו שפאצירן ווי א כסיל הולך בחושך, ווי א נאר וואס גייט אין א שווארץ-ווייסע וועלט. דערפאר האט אים דער באשעפער פארשיקט - "נישטא מער קיין שפאצירן אויף די גאסן פאר דיר אויב דו ווייסט נישט ווי אזוי צו טראכטן."

און ווען ער האט ענדליך תשובה געטון און זיין צרעת האט זיך אויסגעהיילט, האט ער געדארפט איינטינקען די הערליך רויטער פאדעם אין רויטע בלוט אים צו דערמאנען פון דעם אויסוואל וואס ער פארמאגט: "פארגעס נישט צו לייגן אויפמערקזאמקייט צו אלע שיינע פארבן, די אלע וואונדערליכע קאלירן וואס דער באשעפער פארבט פאר דיר אין זיין וועלט! ווייל אויב נישט, אויב דו איגנארירסט דאס אלעס, דאן וועסטו דארפן דערמאנט ווערן אויף אנדערע, מער פיינפולע אופנים, מיט דאס בלוט פונעם גע'שחט'ענעם פויגל, דער פויגל וואס ווערט נישט גערעטעט."

## עפלער און טראפיק לאמפן

**אלזא**, ווען דער מצורע קומט צוריק, דאס מאל זענען זיינע אויגן ברייט אפן. ווען ער גייט פארביי א פרוכט מארק געדענקט ער די לערע פון זיין אויסוואל - די רויטע פארב אדער דאס רויטע בלוט. אזוי שטעלט ער זיך אפ; "וואס טוט זיך דא?! רויטע עפלעך?! ווי אזוי זענען זיי געווארן רויט?! רויט איז א פארב! פון וואו קומט די רויטע פארב? פארוואס איז דאס אז ווען דער עפל איז נאכנישט געצייטיגט איז עס גרין און ווען עס ווערט געצייטיגט טוישט זיך עס צו א הערליכער רויטער קאליר?"

עס מוז זיין אז דער עפל פארשטייט אז גרינע עפלעך דארפן זיך באהאלטן אינעם בוים צווישן די בלעטלעך - זיי זענען נאכנישט גרייט צו ווערן געגעסן. אבער ווען זיי ווערן געצייטיגט, ווען זיי זענען זיס און גרייט צום עסן, טוישן זיי זיך אויף רויט. א רויטער עפל איז אנזעבאר, עס קען גרינג געזען ווערן. דערפאר זענען אויך טראפיק לאמפן רויט, ווייל רויט איז אנזעבאר. עס רופט אויס, "שטעל זיך אפ! שטעל זיך אפ און קוק אויף מיר." דער עפל אינעם פרוכט מארק רופט אויס צו דיר, "שטעל זיך אפ און קוק אויף מיר. שטיי און באוואונדער די פאכמאנישע ארבעט פון הקדוש ברוך הוא."

## איבער'חזר'ן די פשוט'ע געדאנקען

**נישט** נאר רויטע עפל! עס זענען דא גרויסע קעסטלעך פון פרוכט. אהה, פירות! רויטע פרוכט, גאלדענע

פרוכט, פורפל פרוכט, גרינע פרוכט, געלע פרוכט. געב א קוק אריין אין די קעסטלעך, וועסטו זען אן אויפגעשניטענער שטיקל מעלאן מיט א טונקל רויטע פלייש. אזעלכע עסטעטישע קאלירן - פון וואו קומט דאס אלעס? ווי אזוי האט דאס פאסירט? נעם דיין צייט, גיי שטייטלעך אריבער און באטראכט דעם מאראנץ. זע ווי הערליך דאס איז! עס זעט אויס ׳כמעט׳ ווי עס איז נאטורליך. אזעלכע הערליכע קאלירן קענען פשוט נישט זיין נאטורליך! דער ענטפער איז, זיי זענען טאקע נישט נאטורליך. זיי ווערן געמאכט דורך א פאבריצירער וואס האט ספעציעל אריינגעלייגט אין די פירות הערליכע פארבן וואס זענען אפעלירנד צו די פאנטאזיע. עס עסט זיך פיל געשמאקער א פרוכט מיט א שיינער קאליר.

איז ווען דער געהייליטער מצורע האט ענדליך געענדיגט זיין עבודת ה׳ פארנט פונעם פרוכט מארק - ער קען דאך נישט שטיין דארט א גאנצן טאג - איז ער אבער נאכנישט פארטיג. אצינד גייט ער פארביי א גארטן. אצינד לאמיר אייך מיטטיילן עפעס וועגן א גארטן. איך געניס פון מיינע שכנים׳ס גארטנס פיל מער ווי זיי. מיינע שכנים האבן געצאלט פיל געלט פאר א גערטנער עס צו איינפלאנצן, אבער איך האב די מערסטע הנאה! איך בין אמאל פארביי געגאנגען א קליינער גארטן און איך האב געזען דארט ווייסע טאמאטעס. א טאמאטע דארף דאך נישט צו זיין ווייס. טאקע דערנאך, איין טאג, האב איך געזען אז עס איז געווארן גרין. שפעטער איז עס געווארן רויט. פארוואס גייט עס אריבער דריי קאלירן? דער ענטפער איז, ווייסע טאמאטעס באדייטן, שטיי אוועק דערפון. מען קען דאס נאכנישט עסן. גרינע טאמאטעס זענען שוין אין א שטאפל וואס מ׳קען עס איינזייערן און רויטע טאמאטעס זענען שוין גרייט צום עסן.

האב איך געקלערט, ״עס איז אזא שיינער איינפאל; איך האב געטראכט דערפון פיל מאל און איך האב עס שוין אסאך געזאגט אין מיינע דרשות.״ האב איך געטראכט צו מיר, ״זאל איך עס נאכאמאל איבער׳חזר׳ן ברבים?״ זיכער! כ׳ווייס נישט וואס דער ציבור טראכט. זיי זענען שוין מיד דאס צו הערן? איך בין נישט מיד דאס צו הערן! וואס איך זאג איז פאר מיין אייגענער נוצן! איך לאז אנדערע זיך אויך צוהערן, אבער איך רעד פאר זיך אליין.

## שמוץ אין פיל קאלירן

**פארוואס** דארפן זיין רויטע טאמאטעס? רויט איז א פאבריצירטער קאליר וואס דער באשעפער ברענגט ארויס פון ברוינע שמוץ. פראביר אליין צו פאבריצירן דעם קאליר רויט. נעם ערד און מיש עס ארום - פראביר צו מאכן דערפון רויט. דו קענסט דאס נישט טון. אבער הקדוש ברוך הוא לייגט אריין אין די זומען א מעכאניזם וואס זאל קענען נעמען קוילן שטאף (קארבאן דיאקסייד) און אנדערע מאטריאלן און עס טראנספארמירן אין רויטע פארב. דאס איז א נס!

און דער רויטער קאליר קומט נאר ארויס ווען די טאמאטע איז רייף צום עסן און נישט פריער. אלזא, די טאמאטע טוט מער ווי בלויז דיר פיטערן דיין מח מיט אנערקענונג צום בורא.

פארוואס זאל עס ווערן רויט? אדער פארקערט - פארוואס זאל עס נישט זיין רויט גלייך ווען עס הייבט אן וואקסן, ווען עס איז נאך אינגאנצן נישט פאסיג צו עסן, און ווען עס ווערט געצייטיגט זאל עס געגנצליך פארלירן דעם קאליר? פארוואס זאלן עפלעך נישט זיין קאלירלאז ווען זיי זענען רייף? פארוואס טוישט זיך דער קאליר פון א באנאנע צו א שטארקן געל ווען עס ווערט געצייטיגט?

אלזא, זעען מיר אז דא איז דא א פלאן און ציל - דיר צו לאזן וויסן, ״קום מיין קינד, מיר זענען גרייט פאר דיר. דו קענסט יעצט קומען און אונז אראפרייסן פון בוים און הנאה האבן.״

## דער הימל ווערט געפארבט

**איינמאל** מיר טרענירן זיך צו שעצן די קאלירפולע וועלט וואס הקדוש ברוך הוא געבט אונז, וועלן מיר איינזען אז עס איז נישטא קיין סוף! מיר שפאצירן אראפ די גאס אינדערפרי ווען די זון קומט ארויס און מיר זעען גאלדענע זון שטראלן פילט אן דעם האריזאנט. אהה, וואס פארא הערליכע סצענע! און ווען מיר קוקן ארויף און מיר זעען די הערליכע בלויע הימל, שאדט נישט צו זאגן, „איך דאנק דיר באשעפער, איך האב דיר ליב. דו האסט ארייננעשטעלט אזעלכע הערליכע קאלירן אין די וועלט." די גאלד אראנזשע גלאנץ פון זון אויפגאנג און זון אונטערגאנג, דער וואונדער פון די לבנה שיין - אזויפיל הערליכע זאכן צו זען! אט דאס איז דער ריכטיגער צוגאנג. איינמאל מען הייבט אן קוקן אזוי, דאן באטראכט מען די וועלט מיט א ריכטיגן בליק: דער באשעפער פארבט א בלויע הימל פאר דיר צו הנאה האבן און צו געדענקען שטענדיג פון אים!

שטעל זיך פאר דו גייסט ארויס מארגן אינדערפרי און דער הימל איז באדעקט מיט גרויע וואלקענעס - אאאה! דאס איז נאך א סארט געלעגנהייט! הַמְכַסֶּה שָׁמַיִם בְּעָבִים - ער וואס באדעקט די הימלען מיט וואלקענעס, הַמֵּכִין לָאָרֶץ מָטָר - ווייל ער גרייט אן רעגן פאר די ערד. וואס מיינט דאס? ווען גייט אן וואס דער באשעפער גרייט אן? דער פאקט אז דער באשעפער גרייט אן רעגן איז וויכטיג?! זאל דער רעגן צוערשט אראפקומען - דאן וועלן מיר אים דאנקען. הלואי, זאלן מיר אים דאנקען אפילו דאן.

ניין, דער פסוק זאגט אונז אז דער באשעפער גרייט אן רעגן ווייל מיר דארפן דאס באמערקן! מארגן אינדערפרי אויב דו גייסט ארויס און עס איז דא איבער דיר א גרויער הימל, דארפסטו ליב האבן אט דער הערליכער קאליר. און ווען דער רעגן קומט אראפ, וועט דער גרויער פארב פארוואנדלט ווערן אין רויטע רעסבעריס און בלובעריס און גרינע טרויבן און פורפל טרויבן און גאלדענע מאראנצן און רויטע קארשן און געל-רויטע פערישקעס און נאך פיל שפראצנדע פירות און געוויקסן. גרויע וואלקענעס באדייטן אז באלד וועלן מעלאנעס אראפקומען. דער חילוק איז נאר אז זיי קומען נישט אראפ אין טראפנס, ווייל אויב יא וואלט עס געווען א סכנה. אויב אזוי, ווען מיר זעען אז דער הימל איז באדעקט מיט שווערע גרויע וואלקענעס, דארפן מיר פארשטיין אז דאס איז הַמֵּכִין - דער באשעפער טוט אנגרייטן, לָאָרֶץ מָטָר - רעגן פאר די ערד אז מיר זאלן קענען הנאה האבן פון אלע הערליכע קאלירן פון די וועלט.

## אנגעגרייט צו באגעגענען די וועלט

**אצינד** קומען מיר צוריק צו דער מצורע ביום טהרתו, דער מצורע אין טאג פון זיין רייניגונג, ווען ער טוט זיך גרייטן זיך ווידעראמאל אומצוקערן צום שטייגערליכן לעבן. אבער דאס מאל וועט ער זיין אנגעגרייט; ער ווייסט וואס איז ערווארטעט פון אים. ער איז צוריק געזונט! ברוך ה'! ער באטראכט דעם איינעם פויגל פליען צו זיין פרייהייט און ער באשליסט דאן, „איך וועל קיינמאל נישט אויפהערן צו דאנקען דעם באשעפער אויף דעם וואס ער האט מיר געראטעוועט, אויף דעם וואס ער האט מיר געהאלפן זיך ארויסדראפען פונעם נעץ פון קרענק! יעדן טאג וועל איך דאנקען דעם באשעפער פאר מיין געזונט." און ער מיינט דאס מיט אן אמת! ער איז געווען אזוי באזארגט און ענדליך האט מען אים אנגעזאגט די גוטע נייעס אז ער איז אויסגעהיילט, אלזא טאר ער דאס קיינמאל נישט פארגעסן - זיין גאנץ לעבן זאל ער געדענקען די גרויסע שמחה פון זיין געזונט.

אבער נישט נאר פאר דאס געזונט און צו קענען לעבן נארמאל דארף ער שעצן; די שאלה איז וואס

מען טוט מיט אט די מתנות. און אזוי ווערט דער מצורע באפוילן צו ברענגען דעם עץ ארז און אזוב אלס א דערמאנונג צו וואס עס האט נישט געטויגט. דער באשעפער זאגט אים: ״דו האסט אן אויסוואל; דו האסט צוויי וועגן צו אנערקענען אין מיר. איין וועג איז דער דרך פון שלמה המלך, דער וועג פון מִן הָאֶרֶז אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן וְעַד הָאֵזוֹב אֲשֶׁר יֹצֵא בַּקִּיר. אויב וואלטסטו פארברענגט דיינע טעג צו איינ׳חזר׳ן די זאכן - און אלעס אינצווישן - וואלטסטו נישט געדארפט אנקומען צו צרעת. דו וואלטסט געקענט אנפילן דיין לעבן מיט הנאה פון מיינע באשאפונגען און שעצן דעם חסד ה׳ אין די בריאה. אצינד, אויב וועסטו אויסוועלן דעם פארב פון פורפל-רויט, אויב דו וועסט געניסן פון דעם הערליכן קאליר פון לעבן מיט וואס איך נעם דיר ארום, דאן וועסטו זיך נישט דארפן אפגעבן מיט איינטינקען א רויטער פאדעם אין דאס בלוט פון א גע׳שחט׳ענער פויגל.״

## וועל אויס לעבן!

**דאס** איז דער אויסוואל וואס דער באשעפער געבט. ער זאגט צום מצורע: ״וועל אויס!״ און ער זאגט צו אונז אלע: ״וועל אויס!״ דער געזונטער פויגל וואס אנטלויפט פונעם נעץ אדער חלילה דאס פארקערטע? וואס ווילסטו? דאס איינטינקען פונעם עץ ארז און אזוב אין בלוט חלילה? אדער ווילסטו ענדערש דעם עץ ארז און אזוב פון שלמה המלך?

דאס איז א בחירה און עס איז געוואנדן אין דיר. איינע אדער די צווייטע מוזטו האבן, ווייל אנדערש קענסטו נישט לעבן אויף די וועלט, קענסט נישט זיין א טייל פון אונז, אויב פארגעסטו וואס דער באשעפער טוט פאר דיר. אבער אויב וועסטו אנערקענען דעם באשעפער׳ס גוטס אויף אלע זייטן - וואו נאר דו גייסט זעסטו דעם באשעפער - דאן דארפסטו נישט קיין אנדערע דערמאנונג.

## די אמת׳ע גוטס

**און** דאס איז דער ציל אין לעבן - זיך לערנען צו אנערקענען דאס גוטס פון באשעפער. טוֹב; לְהֹדוֹת לַה׳ - ״צי ווייסטו וואס איז גוט?״ זאגט דוד המלך. נישט בלויז גוט, נאר די בעסטע גוטס אין די וועלט. וואס איז די בעסטע גוטס אין די וועלט? פרעג איינעם די שאלה און דו וועסט באקומען פארשידנארטיגע ענטפערס. ״עס איז גוט צו זיין א למדן,״ וועט איינער זאגן. אדער, ״עס איז גוט צו זיין א מדקדק במצוות.״ אלעס איז גוט! און אודאי דארף מען טון די אלע זאכן. אבער דוד המלך זאגט, ״דו ווייסט וואס איז די בעסטע טוֹב אויף די וועלט? טוֹב לְהֹדוֹת לַה׳! די גרעסטע גוטס אויף די וועלט איז לְהֹדוֹת לַה׳, צו לויבן דעם באשעפער.

דאס איז אונזער אויפגאבע אויף די וועלט - צו ניצן אונזער געזונט און אונזער גאנצער שטייגערליכער לעבן צו קומען צו די אנערקענונג אינעם באשעפער דורך אים דאנקען. צו ניצן די גאנצע קאלירפולע בריאה וואס דער באשעפער האט געמאכט, פון די הויכע צעדערביימער און די גאנצע וועג אראפ ביז צו די קליינטשיגע אזוב גראז, פאר דעם געוואלדיגן תפקיד צוליב וועלכן זיי זענען באשאפן געווארן - און דער תפקיד איז טוֹב לְהֹדוֹת, צו דאנקען דעם באשעפער, לְהַגִּיד בַּבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, און צו רעדן שטענדיג, אלע טעג פון אונזער לעבן, איבער זיין גוטסקייט און דאדורך ווערן אלץ מער און מער באוויסטזיניג איבער דעם באשעפער׳ס אנוועזנהייט.

# שאלות ותשובות מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**מען טרעפט אין די גמרא אז די חכמים פון ארץ ישראל באציען זיך צו די אידן אין בלל אלס בבלאי טפשאי, די נארישע בבלים. ווי אזוי שטימט דאס מיט דעם אז מ'טאר נישט שפעטן פון מענטשן?**

## תשובה:

**הני** בבלאי טפשאי, "די נארישע בבלים." ווען די חכמי התורה אין ארץ ישראל האבן געוואלט באטוינען א גוטע אויפפירונג אדער א גוטע מידה, האבן זיי זיך געדארפט באציען צו די נארישקייט פון די וואס פירן זיך און טראכטן אנדערש. אבער ווען מען רעדט פון די טפשים אין בבל מיינט עס נישט אז אלע בבלים זענען טפשים. זיי האבן אודאי נישט געמיינט צו זאגן אז רבא אדער אביי זענען טפשים. אבער עס זענען געווען בבלאי טפשאי. מען דארף דאס ארויסברענגען, מען דארף דאס אפן זאגן.

אויב מענטשן האבן שלעכטע מידות אדער שלעכטע מעשים, דארף מען דאס זאגן, פארוואס נישט? לאמיר זאגן, ווען מענטשן אין אמעריקע, צום ביישפיל מאדערן ארטאדאקסישע אידן, רעפארמער אדער אנדערע פורקי עול טוען נידערטרעכטיגע מעשים און זענען נאך משפיע אויף אנדערע מיט זייער פראסטקייט, קען מען זאגן אויף זיי הני אמירקאנע טפשאי, "די נארישע אמעריקאנערס".

קיינער פון אונז בלייבט נישט שטיל ווען מיר זעען וואס די רעפארמער טוען. ווען די רעפארמער זאגן אז ווען א איד האט ר"ל חתונה מיט א שיקסע אן וואס זי זאל זיך מגייר זיין דאן זענען אירע קינדער אידן; דארט זאלן מיר מלחמה האלטן מיט זיי. אויב א איד זאגט אז מען קען זיין א גוטער איד טראץ וואס מ'ארבעט שבת, דארפן מיר לוחם זיין קעגן אים. אויב איינער האלט מלחמה קעגן דעם באשעפער, קעגן זיין תורה, דאן איז די צייט צו עפענען דאס מויל. עס זענען דא צייטן ווען מ'דארף זיך לאזן הערן, נישטא קיין ספק אין דעם.

הני בבלאי טפשאי, די רעפארמער, זיי זענען ערגער ווי שוטים! און מען דארף דאס זאגן, מען דארף זיי פארדאמען, אויסדריקליך!

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת, אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 347-755-8860**
yiddish@torasavigdor.org

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**